# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פר' מטו"מ
שנה ג'

## מלך אוהב משפט

### חלק א. כשר'ע נקמה

#### די גרויסע ענדע

אין די וואכעדיגע פרשה באקומט משה רבינו טראגישע נייעס וואס קיינער וויל קיינמאל נישט הערן: וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר: ... תֵּאָסֵף אֶל עַמֶּיךָ - און דער באשעפער האט געערדט צו משה אזוי צו זאגן... "באלד וועסטו איינגעזאמלט ווערן צו דיין פאלק (די נשמה וועט ארויפגיין)" (מטות לא:א,ב). דאס לעבן פון משה האלט זיך ביים ענדיגן, ער שטייט אין זיינע לעצטע טעג אויף די וועלט, עס איז זיין לעצטע געלעגנהייט צו קונה זיין מער שלימות אין מידות און השגות.

און וואס זעען מיר אז דער באשעפער הייסט משה אויפטון אין אט די לעצטע געוואלדיגע געלעגנהייט? נְקֹם, נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, מֵאֵת, הַמִּדְיָנִים - "נעם נקמה פאר די אידישע קינדער אין די מדינים, אַחַר, תֵּאָסֵף אֶל עַמֶּיךָ - און נאר נאכדעם וועסטו איינגעזאמלט ווערן צו דיין פאלק" (שם). פון אלע זאכן וואס משה רבינו וואלט געקענט אויפטון אין זיינע לעצטע טעג, איז דאס זען די נקמה אין די מדינים געווען אזוי וויכטיג אז דער באשעפער האט געלאזט וויסן אז זיין תפקיד איז נישט געענדיגט אן דעם!

עס דארף זיך אונז ערוועקן דא א גרויסע שאלה. זוכן נקמה, ווייסן מיר, ווערט נישט באטראכט אלס א געוואונטשענע מידה. די תורה זאגט אונז, לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר - זאלסט נישט נקמה נעמען, זאלסט אפילו נישט האבן א שוועער הארץ אויף א צווייטן (ויקרא יט:יח), און די קינדער, פון גאר יונגען עלטער, ווערן געלערנט צו אוועקשטיין פון נקמה, צו וויסן אז דאס איז א שלעכטע מדה מיט וואס עס פירן זיך אזעלכע וואס קענען זיך נישט איינהאלטן.

און דאך, לערנען מיר דא אז משה אונזער רבי איז באפוילן געווארן צו נעמען נקמה אין זיינע פיינט; און נישט בלויז נקמה נעמען, נאר אַחַר, תֵּאָסֵף אֶל עַמֶּיךָ, אז דאס וועט זיין זיין לעצטער שטאפל פון שלימות צו וואס ער וועט דערגרייכן אויף די וועלט. דאס איז א וואונדער! וועט איר זאגן אז מדין האט געדארפט באשטראפט ווערן? גוט, זאלן זיי ווערן באשטראפט! אבער דאס זאל זיין די גרויסע ענדע צו משה רבינו'ס תפקיד? צו זען די נקמה אין די זינדיגע זאל זיין דער לעצטער שטאפל פון שלימות אין משה'ס לעבן?

#### דעת איז גרויס

דאס צו פראבירן פארשטיין וועלן מיר קוקן אין די גמרא מסכת ברכות (לג.). די גמרא ערקלערט

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

דארט די גרויסע חשיבות פון דעה. דעה מיינט צו קונה זיין א קלארקייט אין פארשטאנד - צו ווערן אזוי קלאר איבערצייגט אין אמונה, אז מען זאל שפירן טאפעדיג דעם באשעפער'ס אנוועזנהייט.

און די גמרא ברענגט א באוויז ווי גרויס איז דעה. גדולה דעה - דעה איז אזוי גרויס, שנתנה בין שתי אותיות - אז עס געפינט זיך צווישן צוויי נעמען פון הקדוש ברוך הוא. ווי עס שטייט אין פסוק, כִּי קֵל דֵּעוֹת ה' - א ג-ט פון וויסנשאפט איז דער באשעפער; אויף איין זייט איז דא דער נאמען פון באשעפער 'קל' און אויפ'ן צווייטן זייט איז דער שם הוי', און אינדערמיט איז דאס ווארט 'דעות'.

ווי מיר האבן שוין אמאל ערקלערט, אויב איר זעט דריי מענטשן גיין אין גאס, לאמיר זאגן אויף איין זייט די סאטמאר'ע רב, און די אנדערע זייט, לאמיר זאגן, די ליבאוויטשע רבי, אבער אינדערמיט איז אן אומבאקאנטער מענטש, וועט איר פארשטיין אז אויב ער גייט צווישן די צוויי געהויבענע לייט, מוז זיין אז ער איז אויך עפעס, לכאורה איז ער משיח!.

אזוי אויך, אויב מיר זעען א ווארט וואס שטייט צווישן צוויי הייליגע נעמען פון באשעפער, איז דאס א באוויז אז די ווארט האט א גרויסער חשיבות. דאס מיינט אזוי: אויב ווילסטו זיין נאנט צו 'קל', דו ווילסט זיין נאנט צום באשעפער, ווייסטו ווי אזוי דו קענסט דאס באווייזן? זיי קונה דעת. מאך זיכער צו דערגרייכן צו א טאפעדיגער וויסנשאפט אין דער עקזיסטענץ פון באשעפער. דערפאר געפינען מיר דאס ווארט 'דעה' ארומגענומען מיט דעם באשעפער'ס נעמען - ווייל דאס ברענגט דיר נאנט צום באשעפער.

## נקמה איז גרויס

די גמרא גייט ווייטער און פרעגט אזוי: אויב דאס איז דער צייכן פון גרויסקייט, אויב א ווארט וואס איז ארומגענומען צווישן צוויי נעמען פון באשעפער איז דאס א באוויז ווי אזוי צו ווערן נאנט צום באשעפער, דאן טרעפן מיר זיך מיט א פראבלעם, ווייל ס'איז דא אן אנדער פסוק, קֵל נְקָמוֹת ה'. ביי דעם פסוק איז אויך דא אויף איין זייט דעם באשעפער'ס פארכטיגער נאמען 'קל' און אויפ'ן צווייטן זייט איז דא דער שם הוי', ווען אינדערמיט איז דאס ווארט 'נקמות'. איז שווער פאר די גמרא - וועסטו מיר זאגן 'גדולה נקמה', אז נקמה איז אויך א געוואלדיגער מיטל צו דערגרייכן קרבת אלקים? איז דען נקמה נישט א פאר'מיאוס'טע מדה? ווי אזוי קענען מיר זאגן אז נקמה איז גלייך צו דעת, אז דאס פירט צו די העכסטע מדריגות פון באוויסטזיניגקייט אין באשעפער?

ענטפערט די גמרא, "יא! אויפ'ן ריכטיגן אופן איז נקמה זייער גרויס." גדולה נקמה, זאגט די גמרא, פונקט אזוי גרויס ווי דעה וואס טוט פארמערן דיין וויסנשאפט אין באשעפער, אזוי איז נקמה, עס טוט אויף די זעלבע זאך! דורכדעם וואס מ'זעט אז דער באשעפער איז א קל נקמות, ער איז דער האר וואס טוט זיך אפרעכענען; דאס איז איינע פון די בעסטע אופנים ווי אזוי א מענטש קען קונה זיין דעת. עס שטייט פונקט אינצווישן די צוויי נעמען פון באשעפער, ווייל דורך נקמה קען מען ווערן נאנט צום באשעפער!

## דער שופט איז דערהויבן

איך פארשטיי אז די רייד וועלן זיך נישט גרינג אריינזעצן אין אמעריקאנער אויערן, אבער מיר לערנען דא א וויכטיגער יסוד און איך וועל דאס נישט דורכלאזן. יעדן טאג זאגן מיר די פאלגנדע ווערטער אין דעם לאנגען קאפיטל פון הודו פאר'ן דאווענען: הִנָּשֵׂא שֹׁפֵט הָאָרֶץ - דו זאלסט זיין דערהויבן, שופט פון די וועלט (תהלים צד:ב). דאס איז א תפילה - מיר בעטן אז דער באשעפער זאל ווערן דערהויבן אין די וועלט.

אייגנטליך, דער באשעפער דארף נישט האבן קיינער זאל אים דערהייבן - ער איז גאר דערהויבן אויך אן אונזערע תפילות. איז וואס איז דער באדייט פון די תפילה אז ער זאל דערהויבן ווערן? דאס מיינט צו בעטן אז דער באשעפער זאל דערהויבן ווערן אין די הערצער פון די מענטשן.

ווי אזוי ווערט דער באשעפער דערהויבן אין די הערצער פון מענטשן? וועלן מיר טראכטן אז מיר ווייסן

ווי אזוי אים צו גרויס מאכן. איך ווייס וואס איך וואלט געזאגט: הִנָּשֵׂא שֹׁפֵט הָאָרֶץ - ווי אזוי טוען מיר דיר דערהייבן, דער ריכטער פון די וועלט? שְׂאוּ מָרוֹם עֵינֵיכֶם וּרְאוּ מִי בָרָא אֵלֶּה - דורך אויפהייבן אונזערע אויגן הויך; דורך זיך ארומקוקן און אויסרופן, 'ווער האט דאס אלעס געמאכט?!' (ישעיהו מ:כו).

איך וואלט געזאגט אז מיר גרויסן דעם באשעפער דורך באטראכטן אלע זיינע וואונדער אין נאטור. מען דארף זיין א נאר נישט צו זען די גרויסקייט פון באשעפער אין די נאטור. די סייענטיסטן און געלערנטע, די וואס לייקענען אין באשעפער, זיי זענען נאראנים! קוק זיך ארום און דו וועסט זען דעם באשעפער; און ווי מער דו וועסט קוקן, אלס מער וועט דער באשעפער געגרויסט ווערן.

## נפלאות הבורא איז נישט גענוג

אבער ניין, זאגט דוד המלך. דאס איז טאקע זייער וויכטיג, אבער נישט גענוג אויף צו דערהייבן דעם כבוד פון באשעפער. אצינד הערט גוט אויס זיינע רייד: הִנָּשֵׂא שֹׁפֵט הָאָרֶץ - ווי אזוי וועלן מיר זען דעם שופט פון די וועלט דערהויבן? איר ווייסט ווי אזוי? הָשֵׁב גְּמוּל עַל גֵּאִים - קער אום א באצאלונג פאר די גרויסהאלטערישע. ווען דער באשעפער ווייזט ארויס אין די עפנטליכקייט זיין צארן, זיין נקמה איבער די זינדיגע, טוט דאס גרויסן זיין כבוד אין די אויגן פון מענטשן.

אצינד פארשטייי דעם באדייט פון דעם פסוק און מארגן ווען דו וועסט עס זאגן, טראכט דערוועגן. דו ווילסט קונה זיין א טאפעדיגע באוויסטזיניגקייט אין די אנוועזנהייט פון באשעפער? איז קוק גוט, ווען ער באצאלט פאר די גרויסהאלטערישע זינדיגע - מאך זיכער צו זיין עדות צו דעם האנט פון באשעפער וואס לאזט זיך אראפ אויף די זינדיגע, ווייל דאס מאכט די אמונה אין אים אריינדרינגען אין דיינע ביינער.

און דאס איז דערפאר, ווייל נישט קיין חילוק וויפיל דו זעסט דעם באשעפער, אויב זעסטו אים נישט אלס שופט הארץ, אלס ריכטער וואס הערשט איבער זיין וועלט מיט א שלימות'דיגע גערעכטיגקייט, דאן זעסטו אים נישט אזוי קלאר ווי דו וואלטסט געדארפט. צו דורכשטודירן די ביימער און די דאנדעליאנס און די עפל און די אנדערע זאכן פון נפלאות הבורא איז זייער גוט. דו וועסט זען דארט אנדערע זאכן, אבער דו דארפסט אויך זען די שטארקע האנט פון באשעפער כדי צו זיין אן אמת'ער מאמין. נאר ווען א מענטש זעט דעם גמול על גאים, די באצאלט אויף די זינדיגע - דאן איז ער קונה די ריכטיגע דעה.

## ליבעראלע ריכטער און שטאט פירער

און דאס איז נישט בלויז א צוגעלייגטער שטאפל פון דעת, א הידור. ניין; דער ענין פון נקמה איז א יסוד פאר א מענטש צו קענען פארשטיין דעם באשעפער'ס הנהגה איבער די וועלט ווייל ווען די זינדיגע ווערן נישט באשטראפט, ווען מענטשן זעען אומגערעכטיגקייט אין די וועלט, טראכט מען אז די וועלט איז אן ארט פון צופאלן און אומסטאבילקייט. הינטערן געוויסן, ווען מ'זעט א פארברעכער שפאצירן פריי אדער א זינדיגער איז מצליח, זעצט זיך עס אריין אין מח אז דאס איז א וועלט פון אומגערעכטיגקייט, אז לית דין ולית דיין חלילה.

אויב אן אפריקאנער אמעריקאנער ליידיגגייער קען שטעכן דעם איד יענקל ראזענבוים צום טויט אן קיין שום סיבה, און דערנאך באשטעטיגט ווערן אלס אומשולדיג צוליב זיין הויט קאליר - דאס איז פונקט וואס האט פאסירט - דאן שפירן זיך מענטשן ווי די וועלט איז אן ארט פון אומסטאבילקייט. נישט קיין חילוק וויפיל דו זאגסט אז דו גלייבסט אין באשעפער, איז דאס א ביטערער מעדיצין פאר די נשמה צו אראפשלינגען ווען מ'זעט ווי די זינדיגע גייען אן.

יעדן מאל וואס מיר ליינען פון א פארברעכן וואס א ליבעראלער ריכטער לאזט אדורך אן קיין שטרענגע שטראפן, איז דאס ווי א שטאך אין הארץ. אונזער נשמה ווערט צעדרודערט; די נשמה ווערט מער און מער צעקלאפט. ווען מיר הערן איבער ליבעראלע פירונגען פון זינדיגער גאווערנער, ימח שמו וזכרו,

דער פריערדיגער און אויך דער יעצטיגער, וואס זיי האבן אפגעשאפן דעם טויט שטראף, זעצט זיך אריין א קאלטע דומפיגע דעפרעסיע אין די מענטשהייט. עס מאכט א קריץ, זייער א גרויסער קריץ, אין די פאנדומענטן פון אונזערע לעבנס, אין די אמונה אז דער באשעפער איז אין גענצליכער קאנטראל.

## די לעכצונג פון די נשמה

די מענטשהייט דארף האבן גערעכטיגקייט! אבער נישט בלויז ווייל מיר דארפן האבן אפשרעקונגען. זיכער איז א שטראף אן אפשרעקונג! גלייבט נישט די פאלשע סטאטיסטיקס פון די ניו יארק טיימס ציַיטונג און די אנדערע ליבעראלן. זיי זענען ליגנערס! ס'איז נישט קיין ספק אז ווען קרימינאלן ווייסן אז דער עלעקטריק בענקל ווארט זיי אפ, וועלן זיי טראכטן, נישט בלויז א צווייטע מאל, נאר זיי וועלן טראכטן פופציג מאל איידער זיי פירן אויס א פארברעכן. קיין שום ספק אין דעם; די עלעקטריק בענקלעך דארפן ארבעטן בייטאג און ביינאכט, עס זענען דא אסאך קונדן פאר וועמען עס קומט זיך.

אבער נאך וויכטיגער ווי דער שרעק דערפון איז, אז אונזערע זעלן ווערן דערשטיקט דורך די אומגערעכטיגקייט. ווי אזוי קענען מיר האבן אמונה אז דער באשעפער פירט די וועלט ווען די זינדיגע באהערשן אלעס אין וואס מיר גלייבן? עס זעט אויס ח"ו ווי ס'איז נישטא קיין שופט, קיינער שטעלט נישט אראפ קיין גערעכטיגקייט אויף די וועלט. און מיר שטייען אין זייט און שפירן זיך אומבאהאלפן - מיר קענען גארנישט טון דערוועגן. אונזערע זעלן לעכצן צו זען די שטראף פאר די זינדיגע.

## מיר זענען נישט קיין סאדיסטן

אויב וואלט איך ח"ו נישט געווען קיין איד, וואלט איך זיך געשעמט דאס צו זאגן, א רעליגיעזע קריסט וואלט זיך נישט געוואגט צו זאגן אזעלכע זאכן. נקמה?! אוי ניין! קיינמאל! און דערפאר, צוליב זיין גרויס 'פרומקייט', בשעת דער גוי שטעכט אומשולדיגע אידן, וויעט ער פרעדיגן קעגן נקמה און נאר רעדן פון אהבה.

א איד ניצט נישט קיין שטעך מעסערס, אבער ער זאגט, 'קל נקמות ה'' - דער באשעפער איז דער האר פון נקמה! ווייל זינד מוזן ווערן באשטראפט! זיכער מוז עס באשטראפט ווערן!

אבער בלויז צו געניסן פון א סאדיסטישע הנאה פון זען די ליידן פון די זינדיגע, דאס אליין איז נישט באוויליגט ביים באשעפער. אבער מיר האבן דא א ציל; מיר ווילן שפירן די אנוועזנהייט פון באשעפער אויף די וועלט ווי ווייט מעגליך און צוליב דעם מוזן מיר זען אז דער באשעפער שטייט אויף זיין ווארט און נעמט נקמה אנטקעגן די וועלכע זענען מורד אין אים.

## דער באשעפער לעבט!

ס'איז א וויכטיגער יסוד דאס וואס מיר רעדן יעצט. עס זענען דא זאכן וואס פאר זיך זענען זיי שלעכט אבער ווען ס'ווערט גענוצט אויף גוטע צוועקן, צו שטייגן אין עבודת ה', דאן נישט נאר וואס ס'איז נישט שלעכט, נישט נאר וואס ס'ווערט מותר, נאר עס איז דוקא א מעלה, און א מעלה אויפ'ן גרעסטן פארנעם.

אזוי איז דער ענין פון צוזען די נקמה וואס דער באשעפער מאכט פאר די זינדיגע, ווייל מיר דארפן וויסן - מיר דארפן דאס שפירן אין אונזערע ביינער - אז דער באשעפער רעאגירט צו די מעשים פון א מענטש. מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען - מער ווי איין מאל - אז דער באשעפער איז א קל חי וקיים, ער איז א לעבעדיגער באשעפער. דאס מיינט אודאי נישט אז ער לעבט אזוי ווי להבדיל א מענטש וואס אטעמט, ניין. לעבעדיג מיינט אז ער איז א פערזענליכער באשעפער; ער אבזערווירט, ער רעאגירט און ער באלוינט און באשטראפט די מענטשהייט. יעדער איז אונטער א פערזענליכע השגחה פון דעם קל חי וקיים. עס איז נישטא קיין צופאל!

ווען מ׳זעט א רשע באקומט וואס עס קומט אים, דאן פילט מען א גייסט פון שמחה. דו זעסט מיט דיינע אייגענע אויגן אז עס איז טאקע דא א קל חי וקיים. ער איז נישט בלויז א ווייטער באשעפער; ער איז דא ממש פאר דיר און באשטראפט די זינדיגע. אט אזוי קען א מענטש קונה זיין א שלימות אין דעת, פון פארשטיין אז דער באשעפער איז חי - ער לעבט; ער אבזערווירט איבער אלעס און ער רעאגירט.

## חלק ב. זען נקמה

### א טונקעלע וועלט

למעשה איז דער עולם הזה ספעציעל אויסגעשטעלט דורך דעם באשעפער אזוי אז מענטשן זאלן קענען גרינג ווערן פארנארט. אין מסכת בבא מציעא (פג:) ברענגט די גמרא דעם פסוק, תָּשֶׁת חֹשֶׁךְ וִיהִי לָיְלָה - דו האסט געמאכט טונקלקייט און עס איז נאכט (תהלים קד:כ), און די חז״ל זאגן אז דאס גייט ארויף אויף עולם הזה - דער באשעפער האט באשאפן די וועלט אלס א וועלט פון טונקלקייט - אן ארט וואו ס׳איז נישט אלעמאל גרינג צו זען. עס איז טונקל נישט נאר אין די דריטע וועלט לענדער; ס׳איז טונקל אין דייטשלאנד און אין רוסלאנד און אין מאנהעטען, אמעריקע און אין תל אביב - עולם הזה איז טונקל.

און אונזער אויפגאבע אין די וועלט איז, אז טראץ די טונקלקייט זאלן מיר זיך אנשטרענגען צו זען דעם אמת פון דעם באשעפער׳ס הנהגות אויף די וועלט - צו דערזען דעם קל חי וקיים, דער קל נקמות ה׳. דאס איז דער ציל פון די טונקלקייט, אז מיר זאלן קענען אויסוועלן צו זען דעם אמת.

### דארפט אליין קוקן

דערפאר געבט אונז דוד המלך די פאלגנדע עצה: ער זאגט אונז, רַק בְּעֵינֶיךָ תַבִּיט - אויב דו וואלסט נאר געקוקט מיט דיינע אויגן, וְשִׁלֻּמַת רְשָׁעִים תִּרְאֶה - דאן וועסטו זען דער שטראף וואס קומט אויף די זינדיגע (תהלים צא:ח). דו ווילסט דער באשעפער זאל אראפקומען און האלטן דיינע אויגן אפן און אנווייזן? עפעס דארפסטו טון! ״איך ווייז דיר זאכן א גאנצע צייט,״ זאגט דער באשעפער. רַק בְּעֵינֶיךָ תַבִּיט - ״אויב נאר דו וועסט קוקן מיט דיינע אויגן!״

אויב דו זוכסט דעם שופט הארץ, וועסטו זען דער שלמת רשעים, די שטראף פאר די זינדיגע ארום דיר. און ווי מער דו וועסט זען, אלס מער דעת וועסטו קונה זיין. דערפאר דארפן מיר זיך לערנען פון די אלע מעשיות וואס מיר ליינען און הערן איבער די שטראפן וואס קומען אויף די רשעים און דאס קיינמאל נישט פארגעסן. איך האלט ביי מיר אינדערהיים א גאנצע ביכל וואו עס שטייט ארייגעשריבן אזעלכע אינצידענטן און איך נעם עס ארויס פון מאל צו מאל עס צו ליינען, אז איך זאל נישט פארגעסן וואס דער באשעפער האט געטון. איך וויל דורכזען דורך די טונקלקייט און קונה זיין דעת. און איך האב אויך ליב צו איבערדערציילן די מעשיות ווייל געווענליך פארגעסן דאס מענטשן זייער שנעל.

### דער גרויסער פאל

איך וועל איך מיטטיילן עטליכע ביישפילן. איך האב ליב צו דערציילן די מעשה פון א געוויסער מענטש מיט׳ן נאמען מייק טאד. דאס איז נישט געווען זיין ריכטיגער נאמען. ער האט געהייסן אברהם הערש גאלדבויגן. ער איז געווען א איד פון שיקאגא, אדער ערגעץ אן ענליכע שטאט. ער האט געטוישט זיין נאמען צו מייק טאד און ר״ל חתונה געהאט מיט א גוי׳טע מיט׳ן נאמען עליזאבעט טעילער. ער האט זיך אריינגעלייגט אין די טיאטער ביזנעס. ער איז געזעסן ביים שפיץ פון די וועלט; ער האט געהאט פיל געלט, כבוד און הצלחה. ער האט געלאכט פון די גאנצע וועלט.

ער האט אפילו געפירט א פריוואטער עראפלאן. אזוי איז ער געזעסן אין זיין פריוואטער עראפלאן און פלוצלינג איז ער ארויסגעפאלן! דאס איז וואס האט פאסירט! און בשעת מייק איז געפאלן צו די ערד וואלט ער זיך געקענט דערמאנען אז זיין נאמען איז אינגאנצן נישט מייק, נאר אברהם הערש. "אוי ווי, פארוואס האב איך פארלאזט מיין היים?! פארוואס בין איך געווארן א רשע און חתונה געהאט מיט א שיקסע?" עס האט גענומען א לאנגע צייט ביז ער איז אנגעקומען צו די ערד - ער האט געהאט גענוג צייט צו טראכטן! און ענדליך איז ער אנגעקומען אונטן. מען קען זיך פארשטעלן אז עס איז פון זיין קערפער קיין זכר נישט געבליבן!

איז ווען דער מייק טאד איז ארויסגעפאלן פון זיין עראפלאן, האט דער באשעפער אונז געטון א גרויסן חסד. ער האט געוויזן אין די עפנטליכקייט אז ער נעמט יא נקמה אויף די וועלט - אז די זינדיגע קענען זיך נישט באפרייען פון קיין שטראף.

## אפלערנען די סענזאציעס

דער מייק טאד וואלט געקענט שטארבן אויף זיין טויטן בעט פון א לונגען אנטצינדונג און עס וואלטן נישט געווען קיין שרייעדיגע קעפלעך אין די צייטונגען. אבער דער גרויסער מאווי פראדוצירער - אין יענע צייט איז ער געווען באוואוסט - זאל ארויספאלן פון אן עראפלאן?! דאס איז געווען א סענזאציע! און דאס האט נישט פאסירט בלויז צוליב אן עקסידענט. דער באשעפער האט דאס געמאכט ווייל ער האט געוואלט מיר זאלן דאס זען און אפלערנען.

איך טו דאס אליין. איר ווייסט, איך מאך זיכער יאר נאך יאר צו האלטן דעם יארצייט פון מייק טאד און דערציילן פאר יעדן איבער די נייעס. אפשר איז אייך שווער צו הערן ווי דער באשעפער באווייזט זיין הנהגה אויף די וועלט, אבער איך וועל דאס נישט פארגעסן. איך וויל קוקן אויף די שלמת רשעים אויף די וועלט און שטייגן אין דעת ה'.

## מיט אזעלכע פריינט...

דאס פאסירט א גאנצע צייט. אט איז א ליבעראל וועלכער איז געקומען פון די מעריב שטעט, א איד. פין איז געווען זיין נאמען. פ-י-ן. ער האט זיך געשלאגן פאר די רעכטן פון די שווארצע. דאס איז געווען זיין גאנץ לעבן, זיך שלאגן פאר די שווארצע. ער איז געווען א ליבעראל, האט ער זיך געדארפט באווייזן. ער האט געזאגט אז דאס שווארצע פאלק זענען זיינע בעסטע פריינט. מאכט זיך אמאל ווען ער איז געקומען צו די קווינס געגנט פאר א באזוך, זענען איינע פון זיינע פריינט, א שווארצער חבה, ארויסגעקומען פון צווישן די ביימער און אים גע'הרג'ט. האט ער באקומען זיינס.

נאך א בייַשפיל, איז מר. און מרת וואקס וועלכע זענען געגאנגען צו א פארטי - זיי האבן עס גערופן א קאנווענשאן - פרייטאג צונאכטס אין לאס אנזשעלעס. ער, א גרויסער שרייבער אין א מיאוסע צייטונג און זי, די געטרייע ווייב פון דער מנוול, זענען געפארן אין אן עראפלאן פרייטאג צונאכטס. אלזא, כ'שטעל זיך פאר אז די פארטי איז נישט געווען כשר. זעלבסטפארשטענדליך אז עס האט זיך דארט אפגעטון אלע סארטן אויסגעלאסנקייטן. דאס איז זיכער נישט געווען קיין שבת סעודה.

אזוי זענען זיי געפארן מיט אן עראפלאן, ווען מיטאמאל איז דער מאטאר אראפגעפאלן! דאן האט זיך דער עראפלאן איבערגעדרייט און געפאלן צו די ערד. מר. און מרת וואקס זענען געזעסן אין דעם עראפלאן און געזען זייער בראך, זייערע הערצער זענען צעשפרונגען געווארן. "אוי ניין, שעלדאן!" "אוי ניין, דזשודיט!" און דאן, קראך! זיי זענען צעשמעטערט געווארן! אויב נאר מיר וואלטן געהאט אמת'ע תורה'דיגע צייטונגען, וואלטן די שרייעדיגע קעפלעך אויפ'ן פארנט בלאט זיך געליינט: "הקדוש ברוך הואווארפט ארויס מר. און מרת וואקס פון אן עראפלאן."

## וואס דער צייטונג וואלט געדארפט שרייבן

דאס זענען די צייטונג קעפלעך וואס מיר דארפן אפלערנען! אודאי וועלן די צייטונגען דאס נישט שרייבן. זיי וועלן דערציילן פון א מאטאר וואס פאלט אראפ. יא טאקע, אבער ווער האט עס געמאכט אראפפאלן? אפילו די פרומע צייטונגען וועלן דיר נישט זאגן אז דער באשעפער איז געווען דער וואס האט געמאכט דעם עראפלאן קראכן.

היינט, אויב קוקסטו אין די צייטונגען, ווערט גארנישט דערמאנט איבער די געוואלדיגע שטראפן וואס קומען אויף די וועלט. עס וואלט געדארפט ארויסגעהאנגען ווערן א ריזיגער פלאקאט: 'א מכה מן השמים!' דער באשעפער באווייזט זיין גרויסע נקמה איבער די זינדיגע דורך ברענגען אויף זיי אומהיילבארע מחלות וואס קומען פון אוממאראלישע זינד. די שפיטעלער זענען פול דערמיט, א מגיפה ווי ביי מכות בכורות. זיי טרעפן נישט קיין רפואה און פארשטייען נישט אז דאס קומט צוליב זייערע זינד. זיי שטארבן ווי די פליגן. כן ירבו.

## צי שטארבן דען נישט אויך צדיקים?

איך פארשטיי אז איר וועט מיר באלד פרעגן קשיות, צי דען זעען מיר נישט אז דער צדיק איז נסתלק געווארן און יענער אדם כשר איז נפטר געווארן - עד כאן דברי יצר הרע. ווען אן אלטער גדול גייט פון די וועלט, ווילאנג האט איר ערווארט ער זאל לעבן, ביז די הונדערט און פופציג יאר? זיי דארפן איין טאג נפטר ווערן; דאס איז א טייל פון דער סדר העולם אז מענטשן ווערן אלט און גייען אוועק פון די וועלט.

'תביט' מיינט, איר דארפט קוקן, צו זען אדורך די טונקלקייט. אין פאקט, איך בין איבערצייגט אז די רשעים ליידן אויף די וועלט פיל מער ווי די צדיקים. איר ווייסט, די צייטונגען זענען פול מיט ליגנס, זיי ווילן נישט דערציילן דעם גאנצן אמת. און דאך קענען זיי זיך נישט פארהוילן פון וואס עס פאסירט צו די רשעים. די גוי'ישע צייטונגען זענען פול טאג טעגליך מיט נייעס פון יונגע מענטשן וואס שטארבן פון מחלות, שיסעריי און עראפלאן קראכן.

דאגעגן, ווען האט איר דאס לעצטע מאל געהערט פון א ראש ישיבה וואס איז ארויסגעפאלן פון אן עראפלאן? עס זאל נישט פאסירן. זאלן זיי אלע לעבן לאורך ימים טובים.

## קוק צו די ענדע

פריער אדער שפעטער באקומען די זינדיגע וואס עס קומט זיי. און דאס איז וואס דוד המלך טוט אונז אנווייזן. הערט אויס זיינע רייד (תהלים עג:יב), ער רעדט אויף די צייט ווען ער זעט די רשעים וואס עס זעט אויס ווי זיי זענען מצליח. הִנֵּה אֵלֶּה רְשָׁעִים וְשַׁלְוֵי עוֹלָם הִשְׂגּוּ חָיִל - "קוק אויף די רשעים," זאגט דוד המלך, "עס זעט אויס ווי זיי לעבן שטענדיג אין פרידן און האבן דערגרייכט צו שטארקקייט און רייכקייט. איז קענט איר טראכטן," זאגט דוד, אַךְ רִיק זִכִּיתִי לְבָבִי - "אפשר האב איך אויסגעלייטערט מיין הארץ אומזיסט." צו וואס איז עס ווערד? אויב איך זע אז די רשעים זענען מצליח, דאן שפיר איך אז מיין גאנצע עבודה איז געווען אומזיסט. די הצלחה פון די רשעים איז א שטאך אין הארץ פון דער מאמין.

זאגט דוד ווייטער (שם יז): עַד אָבוֹא אֶל מִקְדְּשֵׁי קֵל - ביז איך קום צום הייליגטום פון באשעפער. ווען איך בין געקומען צום מקדש פון באשעפער וואו די כהנים לערנען דעם אמת פון די תורה, זיי האבן מיר געזאגט, אָבִינָה לְאַחֲרִיתָם - "האב געדולד. אייל זיך נישט מיט קיין באשלוסן. לאמיר אריינטראכטן אין דעם סוף פון די רשעים." יעצט זעט אויס אז זיי זענען מצליח אבער, אָבִינָה לְאַחֲרִיתָם, לאמיר טראכטן איבער וואס עס וועט זיין.

## האב געדולד

אט איז אביישפיל פון אבי האפמאן, א שאד אויף א אידישע נשמה. ער האט געטומלט א וועלט אין

די טעלעוויזיעס מיט זיינע נארישקייטן. פון זייןליידיגע און זינדיגע פראפאגאנדע האט ער פארדינט מיליאנען דאלארן. ער איז געווען אין שפיץ פון די וועלט! אהה! דאס איז אן ערפאלגרייכער רשע!

אבער יארן שפעטער האבן די צייטונגען באריכטעט אז אין עלטער פון צוויי און פופציג יאר האט ער זיך גענומען דאס לעבן. עס האט גענומען אביסל צייט - איך פלעג טראכטן וואס עס גייט זיין מיט אים, אפשר וועט ער תשובה טון? ווער ווייסט. ענדליך האט דער באשעפער מער נישט געווארט. אהה! אָבִינָה לְאַחֲרִיתָם. מיר האבן געדארפט האבן געדולד. אבי האפפמאן, אן ארעמער מענטש, איינזאם און פול מיט מרה שחורה האט זיך גענומען דאס לעבן. דאס איז מן הסתם געווען די ערשטע מצוה וואס ער האט געטון אין זיין לעבן, וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ - און איר זאלט אפטון דאס שלעכטס פון צווישן דיר (דברים יז:ז). דאס איז געווען דער סוף צו זיין שַׁלְוֵי עוֹלָם הִשְׂגּוּ חָיִל.

איז אויב איר עפנט די אויגן, וועט איר זען אויף אלע זייטן, איר דארפט האבן געדולד. אין די צייט וואס זיי מארשירן, הייבן אויף פלאקאטן, געווינען אין געריכטן, שטאלץ מיט ווער זיי זענען, דארפן מיר בלויזווארטן מיט געדולד. איז וואס איז אויב זיי זיצן יעצט אויפ'ן שפיץ פון די וועלט?! אָבִינָה לְאַחֲרִיתָם - מיר וועלן זען וואס וועט זיין דער סוף מיט זיי.

## חלק ג. פארהוילענע נקמה

### דער סוף איז בלויז דער אנהייב

אבער מיר קענען נישט ענדיגן אונזער שמועס בלויז מיט די פורעניות של רשעים אויף די וועלט. דאס איז זיכער נישט די גאנצע מעשה. אה ניין! די וועלט איז בלויז א משל. ווען מיר זאגן אז די רשעים באקומען זייער שטראף, איז וויכטיג צו מאכן זייער קלאר אז די נקמת ה' וואס מיר זעען אויף די וועלט איז בלויז א משל פון וואס זיי גייען באקומען דארט.

זייער שטראף ענדיגט זיך נישט מיט זייער טויט. דער צווייטער זייט פון זייער קבר איז פיל ערגער פון וואס זיי האבן געליטן אויף די וועלט, און דאס וועט פארזעצן אויף אייביג און אייביג.

### טראכטן פון גיהנום

דארט אויבן ליידן די רשעים שרעקליך. פארוואס דערציילט אונז נישט די תורה קלאר וואס עס גייט פאר אין גיהנום? ווייל די תורה וויל דאס פארהוילן פון אונז. אויב וואלט געשטאנען אין די תורה צופיל ווי אזוי עס זעט אויס דער גיהנום, וואלט עס געווארפן א פחד - מיר וועלן אלע ווערן צדיקים; עס וועט נישט זיין קיין בחירה. דערפאר רעדט נישט די תורה אפן פון גיהנום, כדי מיר זאלן האבן א נסיון. וועט א מענטש זאגן, "אז די תורה רעדט נישט פון גיהנום דארף מען נישט טראכטן פון גיהנום." אבער אז מ'טראכט נישט פון גיהנום האט מען נישט מורא און מען קומט צו צו זינדיגן.

מיר דארפן יא טראכטן פון גיהנום א גאנצע צייט ווייל ס'איז א וויכטיגער טייל פון די דעת וואס מיר דארפן קונה זיין אויף די וועלט; דער דעת פון הנשא שופט הארץ, פון גרויסן דעם ריכטער פון די וועלט אין אונזערע אייגענע אויגן - און אן גיהנום איז נישטא קיין גערעכטער דין.

### דער סוף פון די נאציס

דער באשעפער וויל מיר זאלן אלעמאל געדענקען אז ס'איז פאראן נאך א וועלט וואו אלע חשבונות ווערן אויסגעגליכן - פאר די גוטע און פאר די שלעכטע. איר געדענקט ווען דאס העכסטע געריכט אין מדינת ישראל האט באפרייט דעם רשע איוואן דימזשענזשאק ימ"ש - דאס איז געווען אן עוולה, א שרעקליכע אומרעכט. דאס איז וואס דאס העכסטע געריכט אין מדינת ישראל טוט - שטיצן זינד. אט איז

א מענטש, אן אוקריינישער רשע, וועלכער האט אנטייל גענומען אין א סאדיסטישע שחיטה פון טויזנטער אידישע קינדער - נישט טויזנטער; צענדליגער טויזנטער! און אזוי, ווען מיר הערן אז אזא מענטש איז א פרייער מענטש, ער שפאצירט אין גאס ווי עס וואלט קיינמאל גארנישט פאסירט, דאס צערודערט אונזערע נשמות. איינער האט מיר דאן אנגערופן אויפ'ן טעלעפאן און געפרעגט, "וואו איז ישרות?"

די זעלבע שאלה קען זיך ערוועקן אויך איבער היטלער ימ"ש. א רשע מרושע וואס עס איז נאך קיינמאל אזאנס נישט געווען. און ער האט זיך ארויסגעדרייט פון די וועלט. וואס האט ער צום סוף געטון? ווען ער האט געזען אז זיינע פלענער הייבן אן צו צוזאמפאלן און ער גייט פארלירן די מלחמה, האט ער איינגעשלונגען א לייכטער גופט און אן קיין יסורים פארלאזט די וועלט. ער האט זיך אליין ערלעדיגט. ער איז געשטארבן א גרינגער טויט.

נישט אזוי וואלט היטלער געדארפט שטארבן. איך וואלט געהאט אנדערע עצות ווי אזוי אים צו פארשיקן פון דא. און אויב איך האב, דאן האט דער באשעפער נאך בעסערע עצות ווי מיר. איז וואס מיינט דאס ווען היטלער און דימזשענזשאק און אנדערע רשעים באקומען נישט וואס עס קומט זיי מיט רעכט? איז דאס גערעכטיגקייט? איז דאס ישרות? אונזערע זעלן ווערן דערפון צעמישט און צעקלאפט. וואו איז דער דין, וואו איז דער דיין?

## א דערמאנונג אויף די קומענדיגע וועלט

דער ענטפער איז, אז די אמת'ע חשבונות ווארט אפ אויף די קומענדיגע וועלט. עס וואלט גוט געווען פאר די רשעים אויב די וועלט וואלט געווען דער סוף פאר זיי, אבער עס איז ווייט נישט אזוי. און דאס איז וואס דער באשעפער ווייזט אונז ווען די רשעים דרייען זיך ארום אין פרידן אויף די וועלט. זע, צי מיינסטו אז עס וואלט בכלל געקענט זיין א ריכטיגע נקמה פאר די רשעים אויף די וועלט? סיי וואס דער געריכט וואלט געטון מיט דימזשענזשאק אדער סיי וואס מיר וואלטן געטון צו היטלער; אויב זיי וואלטן אים געהאנגען אדער ארויפגעזעצט אויף דעם עלעקטריק בענקל, אפילו אויב זיי וואלטן אים צעשניטן אויף שטיקער, וואס וואלט עס בכלל געמיינט?! איז דאס א נקמה פאר א מענטש וואס האט פארגאסן אזויפיל אידיש בלוט?! דאס איז גארנישט!

רשעים וואס לעבן פרידליך אויף די וועלט, אדער שטארבן אן קיין יסורים, איז א דערמאנונג פאר אונז אז דאס איז דער אנהייב פון א זייער גרויסער שטראף וואס ווארט זיי אפ אויף די קומענדיגע וועלט. די ריכטיגע פארציע פאר היטלער און דימזשענזשאק הייבט זיך אן דארט. און אזוי לאזט דער באשעפער די רשעים זיך ארויסדרייען דערפון דא אונטן, כדי מיר זאלן געדענקען אז ס'איז דא די קומענדיגע וועלט!

דער באשעפער זאגט אונז: "איך וועל לאזן דעם רשע גיין פריי" - נאך אלעם איז דאס געווען פון באשעפער ער זאל באפרייט ווערן - "כדי אז דו זאלסט זיך איינגעוואוינען צו טראכטן איבער די אמת'ע נקמה, די נקמה גדולה פון גיהנום. אָבִינָה לְאַחֲרִיתָם - דו דארפסט פארשטיין דעם סוף, דער אמת'ער סוף פון די רשעים. ער איז אינגאנצן נישט קיין פרייער מענטש.

## גיהנום איז עכט

און דערפאר, ווען מיר זעען א רשע ווי היטלער ימ"ש פארלאזט די וועלט אן קיין יסורים, אדער א מערדער ווי דימזשענזשאק ווערט באפרייט און גייט צוריק צו זיין געווענליכער לעבן אין קליוולאנד, ווערן מיר דערמאנט אז עס ווארט פאר זיי נאך א וועלט. דארט וועלן זיי באקומען וואס עס קומט זיי!

ס'איז גאר וויכטיג צו געדענקען אז ס'איז דא א גיהנום; און נישט אויף אן איבערפלעכליכן אופן ווי עס איז ביי מערסטנס מענטשן, נאר פאקטיש שפירן אין דיינעביינער אז די רשעים ליידן יעצט אין גיהנום. און אין גיהנום דרייט זיך קיינער פון גארנישט ארויס! ס'איז נישטא דא דארט קיין מדינת ישראל געריכט וואס

באפרייט די רשעים. זיי זענען אויך אין גיהנום, אבער קיינער פרעגט מער נישט זייער מיינונג.

אין די קומענדיגע וועלט וועלן די רשעים באקומען וואס עס קומט זיי. אודאי אויך פארקערט, מיר וועלן באקומען די באלוינונג וואס עס קומט אונז. אן קיין צווייפל, אין די קומענדיגע וועלט ווערן אלע חשבונות אויסגערעכנט פונקטליך; אלע קאנטעס ווערן אויסגעגליכן - עס זאל נישט זיין דער מינדעסטער ספק איבער דעם אין אונזער מח. דאס איז א יסוד היסודות.

## צוויי פנימ'ער

און אריינגערעכנט אין די אמונה אז דער באשעפער באשטראפט די זינדיג, איז אויך דער כלל אז, 'כל האומר הקדוש ברוך הוא ותרן הוא יותרו חייב' - ווער עס זאגט אז דער באשעפער איז מוותר, ער שפילט מיט זיין לעבן (בבא קמא נ.). דער באשעפער איז אויך גארנישט מוותר. אודאי, ווילאנג מען לעבט קען מען תשובה טון און בעטן מחילה פון באשעפער, אבער אנדערש איז דער באשעפער נישט מוחל! ווען א מענטש שטארבט מיט עבירות, וועט זיין זייער נישט גוט פאר אים.

און דער באשעפער וועט אים דאן ווייזן א פנים וואס ער האט זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט - א פנים וואס ער האט נישט געזען אויף די וועלט. ווי הגאון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל האט זיך אויסגעדריקט, אז דער באשעפער, כביכול, האט צוויי צורות - איין צורה איז אויף די וועלט און די צווייטע צורה איז אויף די קומענדיגע וועלט. אויף די וועלט ווייזט דער באשעפער א צורה פון חסד; פון פארגעבונג און גוטסקייט - ער איז מאריך אף, דאס מיינט אז ער גיבט א געלעגנהייט נאכאמאל און נאכאמאל.

אבער ווען א מענטש שטארבט, איז געענדיגט מיט אלעם. אויף די קומענדיגע וועלט ווייזט דער באשעפער א שטרענגער פנים פון א שופט. ער טוט נישט פארגעבן - ס'איז צו שפעט אויף דעם. און די רשעים וועלן דאס באקומען. זיי באקומען עס שוין יעצט. זיי זענען אין גיהנום און ווערן נאכאנאנד געפייניגט.

## מיר קענען הערן זייערע געשרייען

די גמרא גיטין (נז.) שרייבט ווי אזוי טיטוס הרשע איז צוריק ארויפגעברענגט געווארן נאך זיין טויט דורך א בעל אוב, א כישוף מאכער, און די נשמה פון טיטוס האט דערציילט וואס ער דארף אריבערגיין אויף יענע וועלט יעדן טאג. אוי, איז דאס שרעקליך. ער ווערט פארברענט צום טויט יעדן טאג. צו ווערן פארברענט איז אינגאנצן נישט קיין קאמפאט - ס'איז נישט קיין געשמאקע איבערלעבעניש. יעדן מאל ווערט ער פארברענט אויף אש - ס'איז אומדערטרעגליך. די ערגסטע סארט מיתה. די גמרא זאגט אז דער באשעפער געבט כח פאר די רשעים צו אויסהאלטן זייערע ליידן.

מיר דארפן זיך פארשטעלן וואס היטלער, וועלכער האט גע'הרג'ט מיליאנען אידן, גייט יעצט אריבער אין גיהנום! ער באקומט נאכאמאל און נאכאמאל די אלע סארט פייניגונגען און מיתות וואס ער האט געטון צו זיינע קרבנות!

און ער איז נישט דער איינציגסטער. עס איז דארט פול. זייער פול! און זייער הייס. אלע רשעים וואס זענען אמאל געווען אויף די וועלט זענען יעצט אין גיהנום! זיי אויפמערקזאם. דו הערסט די גערודער?! דאס איז א שרעקליכער געוויין וואס קומט ארויס פון גיהנום יעצט. זיי באקומען זייערס אין גיהנום.

## דער באהאלטענער תענוג

און דער פאקט אז זיי ווערן שרעקליך באשטראפט אויף וואס זיי האבן געטון, דאס איז א גרויסע שמחה פאר אונז - אפילו יעצט, אויף די וועלט, ווערן די מאמינים פרייליך וויסנדיג וואס עס טוט זיך אויף די קומענדיגע וועלט. און ווען מיר וועלן ארויפקומען אויף די קומענדיגע וועלט - מיר יאגן זיך נישט - וועלן מיר קענען זען די אויספירונג פון די שלמת רשעים. ווען מיר וועלן ענדליך זען די נקמה, וועלן מיר קוקן מיט פרייד!

די צדיקים אין עולם הבא קוקן יעצט אויף דער גערעכטער משפט וואס ווערט אויסגעפירט. ס'איז דא א גרויסער עולם וואס קוקן וואס עס טוט זיך אין גיהנום. די צדיקים קוקן און לאכן. זיי האבן הנאה דערפון אן קיין גרעניץ. יִשְׂמַח צַדִּיק כִּי חָזָה נָקָם - דער צדיק פריידט זיך ווען ער זעט די נקמה, פְּעָמָיו יִרְחַץ בְּדַם הָרָשָׁע - ער וואשט זיינע פיס אין דאס בלוט פון דעם רשע.

איינע פון די באהאלטענע תענוגים פון גן עדן איז צו זען די ליידן פון די רשעים. די צדיקים באקומען פארנט זיצן אין גן עדן און האבן הנאה פון די סצענעס. דאס איז א טייל פון דער שכר אין עולם הבא מיט וואס די צדיקים ווערן באלוינט. נישט נאר וואס די צדיקים אויף יענע וועלט געניסן פון דעם גליק פון די געוואלדיגע און אייביגע סעודה אין עולם הבא, נאר זיי געניסן אויך צו זען די וואס זענען דארט און עס איז גארנישט דא אויפ'ן טיש פאר זיי. דאס איז א גרעניצלאזע הנאה. די צדיקים זיצן און קוקן אויף היטלער און אויף טיטוס און אויף המן ווי זיי ווערן געבראטן און געבאקן נאכאמאל און נאכאמאל. זיי שרייען פון געוויין און די צדיקים שעפן נחת אן קיין ענד. זיי האבן אויך בעסערע זאכן צו טון דארט, אבער דאס איז א טייל פון זייער תענוג.

## א גרויסער טרייסט

איך פארשטיי אז פאר אייך אמעריקאנער הערט זיך עס שארף אבער דאס איז פון וואס דוד המלך רעדט! און ער גייט ווייטער און זאגט אונז פארוואס די סצענעס ברענגען שמחה: וְיֹאמַר אָדָם אַךְ פְּרִי לַצַּדִּיק אַךְ יֵשׁ - און דאן וועלן מענטשן זאגן: 'יא, עס איז דא שכר פאר די רעכטפארטיגע,' אַךְ יֵשׁ אֱלֹקִים שֹׁפְטִים בָּאָרֶץ - 'יא, עס איז דא א באשעפער וואס משפט די וועלט' (תהלים נח:יא-יב). ווייל אצינד זעען זיי אז דער באשעפער איז גערעכט! אלעס איז פארשטענדליך, אלע חשבונות ווערן אויסגעגליכן.

די שמחת הצדיקים קען נישט זיין ערגעצט ביז זיי זעען אז דער באשעפער איז דער שופט אמת; אז אלע חשבונות ווערן אויסגעגליכן. און דאס וועט זיין אין גן עדן און אין גיהנום. דאס איז נישט עפעס א סאדיסטישע פארגעניגן, א קינדערישע מאטריאליסטישע נקמה אין די נאראנים, נאר דאס איז א געוואלדיגער טרייסט, די נקמה, ווייל דאס איז דער ענדגילטיגער באווייז אז דער באשעפער איז אין פולסטן קאנטראל, ער איז דער אמת'ער שופט הארץ.

## ווער עס קוקט דא וועט זעהן דארט

אלזא, עולם הבא איז דער איינציגסטער ארט פון אמת'ע שכר - די גאנצע פארגעניגן פון זען דעם שופט הארץ מיט א שלימות'דיגע גערעכטיגקייט אין עולם הבא, איז א שכר פאר די עבודה וואס מיר הארעווען צו זען דעם שופט הארץ אויף די וועלט. דאס מיינט, ווי מער א מענטש זעט ווילאנג ער לעבט נאך - ווי מער דעה ער איז קונה אויף די וועלט - אלץ מער וועט ער זוכה זיין צו זען אין עולם הבא אויף אייביג און אייביג.

און דערפאר האט משה רבינו נישט געקענט פארלאזן די וועלט אן צו זען דעם שטראף אויף די מדינים מיט זיינע אייגענע אויגן. דער געהויבענער מענטש וואס האט געשטרעבט צו שלימות זיין גאנץ לעבן, דער מענטש וועלכער האט די מערסטע געלעכצט צו זען דעם באשעפער אויף די וועלט, איז זיך אים געקומען די לעצטע געלעגנהייט צו קונה זיין מער שלימות.

"נעם נקמה פאר די אידישע קינדער אין די מדינים, און נאר דערנאך וועסטו איינגעזאמלט ווערן אין דיין פאלק" - דאס לערנט אונז אז איינע פון די גרעסטע דרגות פון שלימות אין דעת ה', איז צו זען דעם קל נקמות ה'. און דאס באוויסטזיניגקייט איבער דעם קל נקמות ה' וואס מיר זענען קונה אויף די וועלט, וועט אונז ערמעגליכן צו געניסן פון די כבוד פון דער הנשא שופט הארץ, דער גרעסטער און שלימות'דיגער שופט, בעולם הבא אויף אייביג און אייביג.

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאלה:

**אין איינע פון דעם רב'ס ספרים שרייבט דער רב אז צו דאווענען מיט מענטשן וועלכע זענען נישט ערליך, איז עס גלייך צו שטענ - א געמיש וואס איז נישט גוט אין די אויגן פון באשעפער. איך האב אבער געמיינט אז מיר דארפן דאווענען מיט אלע אידן - אויך מיט זינדיגע?**

### תשובה:

ניין. מיר דארפן נישט דאווענען מיט אלע אידן. ניין. עס איז זייער וויכטיג צו מקיים זיין דעם פסוק, "הרחק משכן רעה", דערווייטער זיך פון א שלעכטער שכן. ווייט אוועק. און עס איז אסור זיך צו משתתף זיין מיט א רשע אפילו צו א דבר מצוה. אלע פוסקים זאגן דאס קלאר.

דערפאר איז וויכטיג נישט צו ווערן אונטערגעקויפט מיט דעם פאקט אז מיר דאווענען אלע די זעלבע ווערטער. און דו דארפסט אויך וויסן אז אפילו אין דעם בעסטן שול, אויב זיצט נעבן א מענטש מיט שלעכטע מידות אדער השקפות, קען ער דיר חלילה חרוב מאכן. איך האב דאס שוין געזען נאכאמאל און נאכאמאל.

אמאל איז א מענטש אריינגעקומען ביי אונז אין שול. ער איז געווען א בעל תשובה פול מיט התלהבות, אנגעפילט מיט חשק צו לערנען. און ער האט זיך אראפגעזעצט נעבן אן אלטער מאן וועמען איך האב געקענט אלס א לץ. און דער אלטער האט געהאלטן אין איין רעדן צום בעל תשובה אינמיטן דאווענען. ער האט א גאנצע צייט גערעדט קעגן יעדן וואס האט זיך געפונען אין שול - מיט מיר אריינגערעכנט. צום סוף איז דער בעל תשובה אזוי חרוב געווארן, אזוי רואינירט, אז ער איז געווארן מיין שונא און ער איז ארויס פון שול. איך האב געוואלט עפעס מאכן פון אים אבער זיין שכן רעה האט אים חרוב געמאכט. צוויי מאל האב איך שוין בייגעוואוינט אזא אינצידענט.

און דערפאר, איז אזוי וויכטיג צו פארמיידן מענטשן וועלכע קענען דיר חרוב מאכן. אפילו עס וועט דיר נאר אביסל שאטן, דארפסטו אכטונג געבן.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי היות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:**

**347-755-8860**

yiddish@torasavigdor.org

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן